ב׳ דחול המועד פסח תשמ״א
מיטװאָך דעם 22סטן אפּריל 1981

זײער חשובער און טײערער ה. בײם!

שלום-עליכם, װאָס מאכט איר? קודם-כל מײן הארציקסטן ישר-כוח צו אײער געװינען דעם פּיטער-יעלים פּריז. איך האָב זיך זײער שטארק דערפרײט מיט די נײעס! זאָל זײן מיט א סך גליק, מזל און הצלחה און זאָל דאָס זײן א גרױסע אינספּיראציע אױף א סך יאָרן פון שעפערישער ארבעט! מזל-טוב!

װי אזױ האָט איר פארבראכט פּסח? כ׳בין געװען די בײדע סדרים בײ לאָנדאָנער קאָלעגן, ענגלענדער ײדן, דאָך האָט מען געזונגען א סך אױף ײדיש, בפרט אחד מי יודע און חד גדיא.

אײער בוך איבער לײװארדן האָב איך באשטעלט בײ װען-גאָרקום.

איך דאנק אײך זײער פארן ארטיקל מיט אײער פאָטאָגראפיע. זײט מוחל װאָס כ׳בין אײך אזױ פיל מטריח, נאָר טאָמער ס׳איז װי עס איז מעגלעך צו באקומען אן „אָריגינאל״-פאָטאָגראפיע װאָלט איך געװען זײער דאנקבאר און אײך פארשטײט זיך אומגעקערט אלע הוצאות.

צום באדױערן װײזט מיר אױס אז דעם פּלאן מײנעם צו פאָרן דעם פרילינג אין האָלאנד מוז איך אָפּלײגן, טאקע אָ פּ ל ײ ג ן, ניט מבטל זײן. ס׳האָט זיך געמאכט אָט װאָס: איך האָב געהאט באשלאָסן ניט צו לערנען אױפן זומער-קורס פון ײדיש אין ניו-יאָרק דעם זומער בכדי צו קענען ארבעטן מער אױף דער דיסערטאציע, האָט אָבער די נײע לערערין זיך פּלוצלינג צוריקגעצױגן און זײ פאָדערן כ׳זאָל װידער פאָרן. װעל איך טאקע פאָרן פונעם 25סטן יוני ביז בערך אין מיטן אױגוסט. איך האָף אָבער אז כ׳ל פארדינען א ביסל געלט דעם זומער, גענוג אױף צו קענען פאָרן אין האָלאנד אײך באזוכן נאָך דעם זומער-קורס. סײ װי סײ װעל איך אײך װעגן דעם שרײבן באלד װי איך װעל װיסן.

כ׳האָב אין אָקספאָרד אדורכגעקוקט די „איזרעאליטישע לעטערבאָדע״, ס׳איז מיר געװען זײער אינטערעסאנט.

מיר פּרובירן אראנזשירן אין בריטישן מוזײ אן אױסשטעלונג פון ײדישער לעקסיקאָגראפיע פון 1534 ביז איצטער. איך האָף אז זײ װעלן אָננעמען מײן פאָרשלאָג. פארשטײט זיך אז אײערע װערק װעלן פארנעמען א חשובן אױבנאָן אין דער געפּלאנטער אױסשטעלונג. כ׳טרעף זיך מיטן דירעקטאָר פון דער אָריענטאלישער אָפּטײלונג װעגן דעם ענין און כ׳װעל אײך שרײבן באלד װי איך װעל װיסן פּרטים און צי מען האָט דעם פאָרשלאָג אָנגענומען.

זײט דערװײלע געזונט און שטארק.

איך בלײב אײער תלמיד און פארערער

דוד קאץ